## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: וואס זאגט איהר, פאניע שבת הגדול, צו דעם נייעם געזעץ פון היטלערן, אז די דייטשען טארען נישט אננעהמען דעם נאבעל־פרייז?
שבת הגדול: ער איז גערעכט: צו נאבעלע ענינים האבען די היטלעריסטען גאר א קנאפען שייכות.

### צווישען בטלנים

— איך זאג דיר, העניך, אז איך וואלט נישט גע־וואלט געווינען אויף דער לאטעריע.
— שוטה, פארוואס?
— דו מיינסט, אז ס'איז אזא לייכטע זאך צו האר־בען אזויפיל ברידער, שוועסטערען, שוואגערס, קר־זינס, קוזינקעס, פעטערס און מוהמעס אויף איין קאפ?
— שוטה וואס דו ביסט, אז דו וועסט זיין א גביר וועסטו סיי ווי דעם קאפ פארלירען!...

### זיי זענען גערעכט

די ענדעקישע סטודענטען ווילען בשום אופן נישט זיצען צוזאמען מיט די יודישע קאלעגען. ראציא: זיי ברויכען באמת, לויט זייערע מעשים, צו זיצען אפגעזונדערט (אין תפיסה)...)
פלוידערזאק.

## אוי, די אלטע בחורים, נעביך!

אנ'אלטער בחור זיצט מיט א יונג מיידעל דער אל־טער ביין רעדט און רעדט פאר פייער און וואסער, דאס מיידעל גענעצט אהן אויפהער, צום סוף זאגט זי:
— פאניע דאווידזשע וואלט איהר אפשר גער וואלט מאכען א שעהנעם און לאנגען שפאציר?
— אך, מיט גרעסטען פערגעניגען!
— נו, אויב אזוי וויל איך איך מעהר נישט פער־האלטען — האט דאס מיידעל זיך געזעגענט.

### ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל.

פרוי (צום אגענט): גהט צו אלדי רוחות, איך וועל מיך נישט לאזען אסעקורירען, און טאמער וועט איהר נישט אפטרעטען, וועל איך ארייגרופען מיין מאן!
אגענט (לאוט: כא, כא, כא!) איהר מאכט חוזק פון מיר. א מאן, וואס האט אזא ווייב ווי איהר, וועט זיצען אין הנהר היים?

## ס'איז טאקע א פאך
### אבער קיין פרייד ברענגט עס נישט

דאקטאר (צום פאציענט): ר' יוד, איהר מוזט איך בעמיהען, וואס מעהר זיך צו פערנעהמען מיט אייער פאך, דאס וועט אייך ברענגען פרייד.
פאציענט: דאס איז זעהר א שווערע זאך.
דאקטאר: פארוואס?
פאציענט: ווייל איך בין פון פאך א קברן...

## דטפּעשעז=איסטוריש

### פון דער מאדאם כאוטשע און איהר מאן שמעלקע

די פרוי שמאלצטאפ טעלעגראפירט צו איהר מאן פון זאקאפאנע:
„אין משך פון צוויי וואכען, איז מיר אפגעקומען א העלפט פון מיין וואג, ווי לאנג זאל איך נאך דא פערבלייבען?

כאוטשאַי
צומארגענס האט די מאדאם כאוטשא בעקומען אנ'שנטפער:
„נאך צוויי וואכען
שמעלקא

## צווישען ענדעקישע „גדולים"
### אונטערגעהערטער שמועס.

ערשטער גדול: א, יאק שען מאש? א צייט לאנג זיך נישט געזעהען.
צווייטער: יא פאנא ניע זנאם.
ערשטער: ניע זנאש מניע, יאשו? מיר האבען דאך געכאפט קוויטלען פון איין וואגען!...

### ווי אזוי?

ביי דער באהן־קאסע שטעהט א גרויסע רייהע. איינער פון דער זייט וויל זיך צושאפען צום פענ־סטערל אויסער דער רייהע, זאגט צו איהם דער קאסיר:
— פאניע, שטעלט אייך אוועק אין עק.
— כ'קען נישט.
— פארוואס?
— ווייל אין עק שטעהט שוין איינער!

### פלוידעריי

— איהר שפילט מיר אויף די נערווען — האט געזאגט א פאציענט צום דענטיסט, וואס האט איהם ארויסגעריסען א נערוו.
— אויף ווידערזעהן — האט ביים געזעגענען זיך געזאגט איין בלינדער צום צווייטען.
— זיי געזונד! — האט א מאן געזאגט בעת'ן קובר זיין זיין פרוי.

### איהר געוועהר

שכן (צו זיין שכנה): בראווא, בראווא, כ'האב נעכטען געהערט אייך שפילען אויפן קלאוויר.
שכנטע: עי דאס איז נאר סתם אזוי צו הרגענען די צייט.
שכן: איהר האט זיך אבער אויסגעקליבען א געפעהרליך געוועהר.

### א שאלה ביים דאקטאר

צו א דאקטאר־ראבינער איז געקומען א יודענע, מיט א שאלה אויף א געשאכטענע היהן אין וועלכע זי האט געפינען א נאדעל אני פּפּיק.
— רבי, פרעגט די יודענע, די הוהן איז כשר צי טריף?
— איך בין נישט קיין רב — האט דער ראבינער געענטפערט — איך בין א דאקטאר.
הערענדיג די דבורים האט די יודענע מיט א זייערע מינע געזאגט:
— אזוי? איהר זענט א דאקטאר? אז איהר קענט נישט העלפען א לעבעדיגען מענש, טא ווהט איהר קענען העלפען א געשאכטענע היהן?

## צוליב א וויץ
### איז זי נעביך מיאוס אריינגעפאלען

אין א געזעלשאפט דערצעהלט זיך דער ע'לם וויצען. א פריילין האט דערצעהלט א פעטע וויץ פון וואס דער בחור האט זיך שטארק פונאנדער־געלאכט.
— איך בעמערק אייך, אז דאס איז מיינער אנ'אייגענער וויץ — האט דאס פריילין ערקלערט.
— דאס קען נישט זיין! זענט איהר שוין אזוי אלט? — האט דער בחור געפרעגט.

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: דו ווייסט, טרייטעל, די שפאניער נעהמען זיך געשמאק צו לערנען עספעראנטא.
טרייטעל: עספעראנטא? צו וואס?
פייטעל: זיי זאלען זיך קענען פערשטענדיגען מיט אלע ארמייען, וואס קעמפען איצט דארט.

### ער איז פערטיידיגט

ריכטער (צו אנ'ענדעקישען סטודענט): מיט וואס קענט איהר זיך פערטיידיגען?
סטודענט: מיט א קאסטעט.

## אנאנסען
### ווער וואס ס'לייענט
(געווידמעט בעניעקין)

יעדער זוכט אין דער ציימונג עפעס אנדערש. אפילו אין אנאנסען־טייל זוכט יעדער אנ'אנדערע אנאנס.

**הייראטס - אנאנסען** — לייענט א כאטע פון דערוואקסענע טעכטער און — פשעדוואיענגע פאנגעס.

**נעקראלאגען** — זוכען שדכנים (צו כאפען א יונגען אלמן).

**צימערן** מיט ניעקרעמפּאיאַנצע ווערשטשעס זו־כען — פערהייראטע מענער (א סגולה פאר אנ'עין הרע...)

**צענניקעס** פון ארטיקלען פון ערשטען גער ברויך, לייענט — דער פרעמיער סקלאדקאווסקי.

**דויערהאפטע טויט שלעגערס** לייענען — ענדעקישע סטודענטען.

**שטאטישע פאנאטאוויע** — יודישע אר קאדעמיקער.

**התונות און טאנץ - אווענד** לייענען — אקושערקעס.

היטלער לייענט „מיין קאמף"... אין שפאניען.

---

# דער קונדס

● הומאר
● סאטירע

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 279 — פרייטאג, דעם 4 דעצעמבער 1936

## מיטן פנים צו דער פאבריק...




פאניע, אראפ פון קוימען, ס'וועט ווערען א סוואנד!...

